**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/2/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**אין בעפארגרייטונג צום יולי פיר וויקענד, געבט גאווערנאר האקול אן אפדעיט פאר ניו יארקער איבער די סטעיט'ס מאסנאמען נאכצוקוקן שארק פישן לענגאויס לאנג איילענד וואסער ברעגעס**

***זיכערהייט מאסנאמען ווערן פארשטערקערט אין בעפארגרייטונג צום וואסער ברעג סעזאן אין נעסאו און סאפאוק***

***נאך דראונס און טרענירטע שטאב עוועילעבל אויפצוכאפן געפארפולע מצבים***

***נייע ווירטיואלע ריאליטעט גלעזער העלפן פארבעסערן אויפמערקזאמקייט איבער ריף קארענטס***

אין בעפארגרייטונג צום יולי פיר וויקענד און אלס צוגרייטונג צום וואסער ברעג און שווימען סעזאן, האט גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) היינט געגעבן אן אפדעיט פאר ניו יארקער איבער מאסנאמען אויפצוכאפן שארק פישן און אנדערע ים באשעפענישן וואס קענען מעגליך זיין געפארפול ביי לאנג איילענד סטעיט פארקס דעם זוממער. די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע פרעזערווירונג (New York State Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) אין צוזאמענהאנג מיט די אפטיילונג פאר ענווייראנמענטאלע קאנסערווירונג (Department of Environmental Conservation, DEC) האבן אויסגעברייטערט און אפדעיטעד די נאכקוקן מעגליכקייטן, אריינגערעכנט נייע דראונס און דראון אפערירער, ביי לאנג איילענד סטעיט פארק וואסער ברעגעס.

"אונזער לאנג איילענד סטעיט פארק וואסער ברעגעס זענען באליבט דורך ניו יארקער און באזוכער צוגלייך — פונקט פאסיגע פלעצער וואו צו אראפגיין פונעם אינטערנעט, ארויסגיין אינדרויסן, און הנאה האבן פון די דרויסנדיגע וועלט." **האט גאווערנאר קעטי Hochul (האוקאל) געזאגט.** "מיר טוען ווייטער פארשטערקערן אונזער מעגליכקייטן נאכצוקוקן שארק פישן און אונזער זיכערהייט מאסנאמען ביי די וואסער ברעגעס צו העלפן באשיצן די באליבטע זוממער טראדיציעס. איך מוטיג אלע וואס באזוכן די וואסער ברעגעס זיך צו האלטן פארזיכערט, בלייבן אויף דער וואך, און אלעמאל אויספאלגן די אנווייזונגען פון לייף-גארדס און פארק שטאב."

ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע פרעזערווירונג (סטעיט פארקס) לייף-גארדס טוען כסדר נאכקוקן די וואסערן פונעם ברעג און דורך סורף-שיפלעך און פערזענליכע שיפלעך פאר סיי וועלכע געפארפולע ים באשעפענישן, א שטייגער ווי שארק פישן. פארק פאליציי און פארק שטאב טוען אויך אקטיווערהייט אכטונג געבן אויף די וואסער ברעג, נוצנדיג דראונס צו זוכן אין וואסער פאר געפארפולע ים באשעפענישן אדער גרויסע גרופעס פיש וואס קענען ציען די געפארפולע ים באשעפענישן. סטעיט פארקס אפיס'ס פארברייטערטע נאכפאלגונג מעגליכקייטן דעם זומער רעכענען אריין:

- צוגעלייגט 6 דראונס צו די 22 וואס זענען שוין יעצט אין באניץ פאר א סך הכל פון 28 דראונס;

- טרענירט 8 דראון פילאטן פאר א סך הכל פון 48 דראון אפערירער צווישן די אנפירונג שטאב, לייף-גארדס און פארק פאליציי; און
- באשטימט איין גרויסע ענטערפרייס דראון פאר די באניץ פון די פארק פאליציי, מיט טערמעל אימעדשינג, לעיזער רעינדזש טרעפונג, און הויכע-קוואליטעט קאמערעס צו ערמעגליכן נאכצוקוקן און אכטונג געבן אין די נאכט שעות און אין שווערע וועטער אומשטענדן. די דראָון קען אויך אראפלאזן א וועסט אדער אנדערע זאך וואס העלפט זיך האלטן העכער די וואסער אין עמערדזשענסיס.

ווען מען זעהט און/אדער מען טרעפט זיך אן מיט שארק פישן אין סטעיט פארקס וואסער ברעגעס, ווערט שווימען אפגעשטעלט, און אלע שווימער ווערן ארויסגענומען פונעם וואסער. סטעיט פארקס ארבעטן מיטדי DEC צו באשטעטיגן צו מען האט טאקע געזעהן שארק פישן. עס איז ערלויבט צוריק אנצוהויבן שווימען וויניגסטנס א שעה נאך וואס די פיש איז די לעצטע מאל געזעהן געווארן. סטעיט פארק לייפגאַרדס, פארק פאליציי און פארק איינגעשטעלטע זענען וואכזאם און פאטראלירן די וואסער פאר געפארפולע ים באשפענישן. אין צוגאב, לאזט מען וויסן פאר די לאנג איילענד ברעגעס אויפמערקזאמקייט גרופע (Long Island Coastal Awareness Group) וואס באשטייט פון מער ווי 200 מענטשן פון מוניציפאליטעטן, אגענטורן און פריוואטע וואסער ברעג אפערירער וואס ציען זיך פון קווינס ביז לאנג איילענד, אזוי אז זיי זאלן קענען נעמען די נויטיגע שריט אין די ערטער וואו זיי זענען פאראנטווארטליך.

**ניו יארק סטעיט פארקס קאמישענער פראו טעם Randy Simons (רענדי סימאנס) האט געזאגט,** "אונזער שטאב איז גוט צוגעגרייט צו באשיצן וואסער ברעג באזוכער דעם זוממער סעזאן, און מיר זענען צופרידן אריינצונעמען די לעצטיגע טעכנעלאגיע צו קענען טוהן נאך א בעסערע ארבעט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנאר Hochul (האקול) און די אפטיילונג פון ענווייראנמענטאלע קאנסערווירונג פאר זייערע אנגייענדע שטיצע און מיטארבעט צו האלטן די וואסער ברעגעס די פארזיכערטסטע וואס שייך. איך מוטיג באזוכער צום וואסער ברעג אויסצופאלגן אנווייזונגען פון פארק שטאב און זיין קלוג קעגן שארק פישן בשעת'ן הנאה האבן פונעם זוממער."

**אפטיילונג פון ענווייראנמענטאלע קאנסערווירונג קאמישענער Amanda Lefton (עמענדע לעפטאן) האט געזאגט,** "באזוכן צום לאנג איילענד וואסער ברעגעס זענען א באליבטע טייל פונעם זוממער פלענער פאר ניו יארקער און פאר באזוכער פון אויסער'ן סטעיט צוגלייך. זיין אויף די וואך קעגן ריף קארענטס, אויספאלגן די סטעיט'ס שארק פיש זיכערהייט אנווייזונגען, און כסדר געדענקען אז אונזער ברעגעס זענען א טייל פון א ווילדע און נאטורליכע וואסער עקאו-סיסטעם וועט העלפן שווימער פארמיידן געפאר בשעת'ן הנאה האבן אונטער'ן זון. א דאנק גאווערנאר Hochul (האקול), האבן די DEC און אונזערע מיטאבעטער ביי סטעיט פארקס די נוטיגע געצייג צו האלטן אן אויג אויפ'ן וואסער און העלפן זיכער מאכן אז אלע וואסער ברעג באזוכער טוען הנאה האבן פארזיכערטערהייט."

ניו יארקער ווערן געמוטיגט נאכצופאלגן שארק זיכערהייט אנווייזונגען:
- פארמייד געגנטער מיט מחנות פון פיש, שפריצנדיגע פיש אדער טויכנדיגע ים-פייגל;
- פארמייד זיך פון שווימען פארנאכט, ביינאכט און פארטאגס;
- פארמייד שמוציגע וואסער;
- שווים, פעדל און סורף אין גרופעס;
- בלייב נאנט צום ברעג, וואו אייערע פיס קענען נאך דערגרייכן ביז אונטן; און
- פאלגט שטענדיג אויס די אנווייזונגען פון די ראטירער און פארק איינגעשטעלטע.

מענטשן לאזן זיך אריין אין א סכנה ווען אימער זיי גייען אריין אין סיי וועלכע ווילדע סביבה — אויפן טרוקעניש אדער אין די וואסער. כאטש עס איז אוממעגליך אינגאנצן אוועקצונעמען די סכנה, קענען די וועלכע באנוצן זיך מיט די אקעאן טוישן זייער אויפפירונג צו מינימיזירן פאטענציאלע באגעגענישן מיט

שארק פיש און רעדוצירן די אלגעמיינע סכנה. ווען איר זענט אין ים, פאלגט נאך DEC'ס שארק פישן זיכערהייט אנווייזונגען צו פארמינירן די מעגליכקייט פון נעגאטיווע אנשטויסן מיט שארק פישן.

**נייע טעכנעלאגיע העלפט פארבעסערן אויפמערקזאמקייט איבער ריף קארענטס**
אין די לאנג איילענד ראיאן פון ניו יארק, האבן סטעיט פארקס געקויפט צוויי ווירטיואלע ריאליטעט גלעזער צו פארבעסערן פובליק אויפמערקזאמקייט און פארשטאנד איבער די געפארן פון ריף קארענטס. מיטגליגער פונעם פובליק קענען ניצן די גלעזער ביי וואסער זיכערהייט אוטריטש פארזאמלונגען ביי ניו יארק סטעיט פארקס וואסער ברעגעס, מאי 31- סעפטעמבער 6, 2025. די טעכנעלאגיע פארמאגט צוויי שפראכן, מיט אנווייזונגען סיי אין ענגליש און סיי אין ספאניש. די גלעזער באניצן זיך מיט טעכנעלאגיע אנטוויקלט דורך האפסטערע יוניווערסיטי פראפעסאר Jase Bernhardt (דשעיס בערנהאדט) און דעוועלאפערFrank Martin (פרענק מארטין), פינאנצירט דורך ניו יארק וואסער גרענט ( New York Sea Grant).

ריף קארענטס זענען מאכטפולע, שמאלע טשענעלס פון שנעל-פארנדע וואסער וואס מאכן זיך אפט לענגאויס וואסער ברעגעס. לויט די נאציאנאלע אקיאנישע און אטמאספערישע אדמיניסטראציע (National Oceanic and Atmospheric Administration, NOAA), טוען לייף-גארדס ראטעווען צענדליגע טויזנטע מענטשן פון ריף קארענטס אין אמעריקע יעדעס יאר, אבער עס ווערט געשאצט אז 100 מענטשן ווערן גע'הרג'עט דורך ריף קארענטס יעדער יאר.
ריף קארענטס פארמירן זיך געווענדליך נעבן א נידריגע פוקט אינעם וואסער, און קען פאסירן ביי סיי וועלכע וואסער ברעג מיט ברעכנדע כוואליעס, אריינגערעכנט די וואסער ברעגעס ביי די גרעיט לעיקס. אויב איר ווערט פארכאפט אין א ריף קארענט, האלט זיך רואיג און פראבירט עס נישט צו באקעמפן. שווימט פאראלעל לענגאויס די ברעג ביז איר טרעפט זיך אינדרויסן פון די שטרום, און שוועבט אויף די וואסער אדער 'טרעד' די וואסער אויב איר הויבט אן צו פילן אויסגעמוטשעט. לערנט מער איבער ריף קארענטס.

די לאנג איילענד ראיאן וואסער זיכערהייט עדיוקעישען פראגראם איניציאטיוו האט זיך אנגעפאנגען ביי Robert Moses פילד 5 לעצטע יאר. פאר זוממער 2025, איז פראוגרעמינג אויסגעברייטערט געווארן צו אנדערע פארקס אינעם ראיאן, אריינגערעכנט:

- יולי 12, 10 a.m.-2 p.m., סאנקען מעדאו סטעיט פארק: פיל 1 בארדוואק
- יולי 25, 4-8 p.m., Robert Moses (ראבערט מאוזעס) סטעיט פארק: פיל 5
- אגוסט 9, 10 a.m.-2 p.m., Heckscher (העקשער) סטעיט פארק
- אגוסט 16, 10 a.m.-2 p.m., ווילדוואד סטעיט פארק: וואסער ברעג
- אגוסט 23, 10 a.m.-2 p.m., סאנקען מעדאו סטעיט פארק: פיל 1 בארדוואק
- סעפטעמבער 6, 10 a.m.-2 p.m., קעפטרי סטעיט פארק: דאקסייד פעסטיוועל

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן